# איך האב געזען זייער לעצטער וועג

עווא טוזשינסקא־טראַוענשטיין



**עווא טוזשינסקא־טראַוענשטיין**, אַן אַפּטייקערין פון ראָזוואַדוּוו (גאַליציע), איז אַטטלאָפן מיט איר פאַמיליע (מאַן, זון און מוטער) ווען די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט צו איר שטאָט אין סעפטעמבער 1939. נאָך לאַנגע וואַנדערונגען אין נויט און פּיין איז זי אָנגעקומען קיין ראָזשישטש, ווו דער ברודער פון איר מוטער האָט געאַרבעט אַלס אַפּטייקער. אין ראָזשישטש האָט זי באַקומען בעת דער סאָוויעטישער מאַכט אַרבעט אין דער אַפּטייק נומער 8, אָנהויבנדיק פון 11־טן מערץ 1940. אירע וואַנדערונגען און איבערלעבונגען אין דער צייט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע און איר קאַמף פאַר איר לעבן און לעבן פון אירע טייערע זענען פאַרשריבן אין „יד ושם" אין תל־אָביב. פון די דאָזיקע פאַרצייכענונגען האָבן מיר אַרויסגענומען דעם פּרק, וואָס איז פאַרבונדען מיט ראָזשישטש.

דעם 11־טן מערץ 1940 בין איך אָנגענומען געוואָרן אויף אַרבעט אין דער אַפּטייק נומער 8, וואָס איז דאַן געווען אַ סאָוויעטיש אייגנטום. ס'האָט זיך אונדז געדוכט, אַז מיר האָבן זיך שוין ווי ס'איז איינגעאָרדנט. פון מיין געהאַלט האָב איך ווי ס'איז געקענט שפּייזן מיין משפחה. אויך מיין מאַן האָט באַקומען אַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין אַ רעסטאָראַן. אונדזער זון, ליאָניק, איז שוין דאַן אַלט געווען פינף יאָר און האָט זיך נאָרמאַל אַנטוויקלט, פיל בעסער ווי אַנדערע קינדער און זיין עלטער. ער האָט אָנגעהויבן לערנען ביי אַ פּריוואַטער לערערין, לוסיאַ אילניצקאַ.

אָבער זייער גיך איז צעשטערט געוואָרן דאָס רואיקע לעבן. מ'האָט מיך געוואָלט אַנגאַזשירן צו דינען די סאָוויעטישע געהיים־דינסט (נ.ק.וו.ד.).

איינמאָל ביינאַכט האָט מען מיך גערופן אין דער פּאָליציי און אַ פּאָליציאַנט האָט מיך פאַראָרדנט, אַז איך זאָל יעדן וואָך צושטעלן פּרטים דער נ.ק.וו.ד. וועגן אַלץ וואָס ס'קומט פאָר אויף מיין אַרבעטס־פּלאַץ אין דער אַפּטייק נומער 8. דער פּאָליציאַנט האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש זיין רעוואָלווער, כדי איך זאָל פאַרשטיין דעם רמז. ער האָט מיר געוואָרנט, אַז אויב איך וועל נישט ווי געהעריק אויספילן מיין פליכט און אויב איך וועל נישט האַלטן בסוד מיין אויפגאַבע — וועט זיין נישט גוט.

איך האָב זיך אומגעקערט אַהיים אַ צעבראָכענע. אייניקע מאָל בין איך געווען געצוווּנגען אונטער דראָאונגען קומען אין דער פּאָליציי אין די שפּעטע שעהן פון דער נאַכט. די שרעק האָט מיך דערדרוקט, אָבער ס'איז זיי נישט געלונגען עפּעס אַרויסבאַקומען פון מיר. דאָס האָט זיי אַרויסגעפירט פון די כלים. איינמאָל האָט דער פּאָליציאַנט, זייער אַ פּרעכער מאַן, מיר אָנגעהויבן שטאַרק זידלען און שילטן מיט קללות אויף אַ זייער באַליידיקנדיקן אופן. ער האָט אַ שפּיי געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע און מיך אַרויסגעטריבן.

## איך ראטעווע א מענטשנס לעבן

איינמאָל פאַרמיטאָג איז געקומען אַ פרוי אין אַפּטייק און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. זי האָט געבעטן ניטראָגליצערין פאַר איר מאַן, וואָס איז פּלוצלינג שטאַרק קראַנק געוואָרן. דידאָזיקע תרופה איז שוין לאַנג נעלם געוואָרן פון ראָזשישטש און אויך אין לוצק האָט מען די רעצעפּט נישט געקענט באַקומען.

דאָס געוויין פון דער פרוי און איר פאַרצווייפלונג האָט מיך גערירט און האָב אויף איר רחמנות באַקומען. נישט וויסנדיק ווער די פרוי איז און ווער איר מאַן איז, האָב איך באַשלאָסן פאָרן אין דער וייטער שטאָט לעמבערג, נישט געבנדיק צו וויסן וועגן דעם אַפילו מיין משפחה און דעם פאַרוואַלטער פון דער אַפּטייק. איך האָב זיך נישט גערעכנט מיט די גרויסע שוועריקייטן וועלכע זענען געווען פאַרבונדן מיט אַזאַ נסיעה אין יענע צייטן. דער ווילן צו באַקומען די נויטיקע רפואה און ראַטעווען אַ שווער קראַנקן האָט גובר געווען אַלע שוועריקייטן.

שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז דער קראַנקער איז געווען אַ פּאָלאַק, דער מאַן פון פרוי דאָבראָוואָלסקאַ, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט האָדעווען חזירים און זיך זייער שווער מתפרנס געווען דערפון.

דעם זעלבן אָוונט בין איך געפאָרן קיין לעמבערג מיט דער באַן. נאָך גרויסע אָנשטרענגונגען איז מיר געלונגען באַקומען די נויטיקע רפואה. 4 אַזייגער פאַרטאָג האָב

איך זיך צוריקגעקערט קיין ראַזשישטש. איך האָב באַלד אַוועקגעטראָגן די רפואה צום קראַנקן דאַבראָוואָלסקי, וועלכער איז געלעגן אין בעט כמעט אַ גוססדיקער, וואָס דערוואַרט דעם טויט.

אַ געוויסע צייט נאָך דער פּאַסירונג איז אַריינגעקומען אין דער אַפּטייק אַן עלטערער מענטש, אַ הויכער, מיט איין צאָן, וואָס האָט אַרויסגעסטאַרטשעט פון דער אויבע׳שטער קין־באַק. ער האָט מיר אויסגעשטרעקט זיין האַנט און געזאָגט:

„אַ גרויסן דאַנק דיר, וואָס דו האָסט געטאָן פאַר מיר. איך וועל זיך באַמיִען דיך אָפּדאַנקען ווי געהעריק פאַר דיין טאַט!"

אין דער צייט האָב איך נישט צוגעגעבן קיין שום וויכטיקייט צו זיינע רייד, אָבער זייער גיך האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי גורלדיק איז געווען פאַר מיר דער דאָזיקער צופע־ליקער פאַל מיט דער רפואה.


דער זון לעאָן (1946).

## די נאַציס קומען

21־סטער יוני. באָמבעס און עראָפּלאַנען. ס׳איז אויסגעבראָכן אַ פרישע מלחמה, די מלחמה צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד.

אַ גרויסער פחד האָט אונדז אַלעמען אַרומגענומען, ווען אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן זיך באַוויזן אין גאַס די דייטשן. אונדזערע פריינד, צווישן זיי ד״ר ליקוואָרניק, האָבן אונדז געראַטן אַנטלויפן קיין רוסלאַנד. אָבער מיין מאַן, מיין מוטער און אויך איך האָבן זיך געשראָקן פאַר הונגער און ליידן, וואָס וועט אונדז זיכער דערוואַרטן אין אונדזערע וואַנדערונגען. מיר זענען געבליבן אויפן פּלאַץ.

אויפן דריטן טאָג נאָכן אַריינקומען פון די דייטשן אין שטאָט האָבן מיר געעפנט די אַפּטייק. מיטאָג־צייט איז אַריין אַ דייטש, אַ הויכער מאַן, אין אַן אוניפאָרם פון אַ הויכן אָפיציר און אויף זיין ברוסט הויכע אויסצייכנונגען. איך בין געשטאַנען אַ דער־שראָקענע. איך האָב געזעען אַז ער איז מיר עפּעס באַקאַנט, אָבער איך האָב זיך נישט געקענט דערמאָנען פון וואַנען איך קען אים. אָבער ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן און איך האָב געזעען זיין איינציקן אַרויסשטייענדיקן צאָן פון דער אויבערשטער ליפּ האָב איך אים באַלד דערקענט: דאָס איז דער מאַן פון דער פרוי דאַבראָוואָלסקאַ.

ער האָט זיך צו מיר געווענדעט אין דייטש:

„האָב נישט קיין מורא. איך בין געקומען דיר זאָגן, אַז איך וועל מקיים זיין מיין צוזאָג, ווייל דו האָסט מיך געראַטעוועט פון טויט. ווען ס׳וועט דיר זיין נישט גוט — קום צו מיר. איך בין דער קרייזלייטער (אָנפירער פון ראַיאָן) און מיין נאָמען איז פאַרסט".

## שיסערייען און כאַפּענישן

פון צייט־צו־צייט האָבן זיך געהערט שיסערייען אין גאַס. אַן ס.ס.־מאַן איז אַריין צו אונדז אייניקע מאָל און באַפוילן געבן אים אייער, קעלניש וואַסער, און אַזוי רעדנדיק האָט ער געזאָגט אין אַ שלעכטן פּויליש:

„מען וועט נעמען מענטשן צו דער אַרבעט; ס׳וועט זיין זייער שלעכט, אָבער נאָר פאַר יידן".

די דאָזיקע ווערטער האָבן שטענדיק געקלינגען אין מיינע אויערן.

## דאָס באַהעלטעניש

מיר האָבן באַשלאָסן שאַפן זיך אַ באַהעלטעניש אין קעלער פון שטוב. מיר האָבן שווער געאַרבעט אין די נעכט, געגראָבן טיף אין דער ערד און ענדלעך איז דאָס קליינע באַהעלטעניש געוואָרן פאַרטיק. מיר האָבן עס זייער גוט פאַרמאַסקירט.

ס׳זענען דערגאַנגען צו אונדז קלאַנגען, אַז די דייטשן כאַפּן מענער אין גאַס צו דער אַרבעט און אַז אייניקע פון זיי ווערן דערשאָסן.

איינמאָל האָבן זיך צו אונדז אַריינגעריסן צוויי דייטשן מיט געשרייען:

„ווו זענען די מענער?"

„זיי זענען שוין לאַנג אַנטלאָפן. מיר זענען פּאָלאַקן" — האָבן מיר געענטפערט.

מיין מאַן איז די גאַנצע צייט געזעסן אין באַהעלטעניש. די לאַגע איז געוואָרן יעדן טאָג שווערער, און בעיקר איז וואָס אַמאָל שווערער געוואָרן צו באַקומען שפּייז.

## קאָנפיסקאַציעס און פייניקונגען

ס'זענען צו אונדז דערגאַנגען קלאַנגען, אַז די דייטשן גייען קאָנצענטרירן אַלע יידן אין אַ טייל פון שטאָט — דאָס הייסט אין אַ געטאָ. די נאַציס האָבן דורכגעפירט רעוויזיעס אין די יידישע הייזער און קאָנפיסקירט פוטערס, לעדער צו שיך און ווערטפולע זאַכן. שפּעטער איז אַרויס אַ באַפעל אַריבערצוגיין אין געטאָ אין משך פון צוויי שעה. יעדער האָט געהאַט דאָס רעכט נעמען מיט זיך זאַכן וויפל ער קען נאָר שלעפּן אויף זיך. מיר האָבן גענומען אייניקע נויטיקע זאַכן און מיר זענען געגאַנגען צום טויער פון געטאָ.

מיר האָבן געזען דייטשישע סאָלדאַטן שלאָגן און פייניקן די יידן וואָס גייען אַריין אין געטאָ. ס'האָט מיך אַרומגענומען אַ פחד. טאָמער וועט מען שלאָגן מיינע טייערע. אין דער זעלבער מינוט האָב איך דערזען פאַרסטן רייטנדיק אויף אַ פערד און צוקוקנדיק זיך צו דער גרוילעכער סצענע.

איך ווייס נישט ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט. מיר זענען אַדורך דעם טויער אָן קלעפּ פון די דייטשישע זעלנער.

## אין געטאָ

מיר זענען אַריין אין אַ קליין הויז, וואָס איז געווען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט אַפילו קיין פלאַץ ווו צו שטיין. דאָרט האָב איך געפונען די פרוי פון ד"ר ליקוואָרניק מיט די קינדער. מיין מוטער איז אויסגעבראָכן אין אַ געוויין:

„ווי וועט מען דאָס קענען איבערטראָגן די צרות. בעסער שוין דער טויט, איידער אַזאַ לעבן".

די ענגשאַפט איז געווען שרעקלעך. איך מיט מיין מאַן זענען געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט צוגעדרוקט צו דער וואַנט.

מען האָט מיך אויסגעפּאַדערט צו דער אַרבעט אין דער אַפטייק. אָנגעטאָן אין אַ מאַנטל מיט אַ געלע לאַטע בין איך אַדורך יעדן טאָג די לאַנגע גאַס פון געטאָ. ביינאַכט פלעג איך זיך אומקערן מיט פולע קוישן מיט עסנוואַרג. דאָס פלעגן מיר צעטיילן צווישן אַלע שכנים פון צימער, ווו ס'האָבן זיך געפונען 20 דערוואַקסענע, אַ חוץ קינדער. דאָס אַריינגנבענען עסנוואַרג אין געטאָ איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע סכנות.

איינמאָל איז געקומען פאַרסט אין געטאָ און אונדז געגעבן אַ לעבל ברויט און אַ ביסל צוקער. פון צייט־צו־צייט פלעגט ער אויך קומען אין אַפטייק און ברענגען אונדז אַביסל עסנוואַרג.

דער „יודנראַט" איז אויפגעפּאַדערט געוואָרן צו שיקן פון צייט־צו־צייט מענטשן צו דער אַרבעט. אָבער פיל פון זיי זענען נישט צוריקגעקומען. ס'זענען צו אונדז דערגאַנגען קלאַנגען, אַז זיי זענען דערשאָסן געוואָרן. איך האָב באַשלאָסן אַרויסצונעמען מיין מוטער און זון פון געטאָ און באַהאַלטן אין אַפטייק.

מיין מוטער איז אַרויס פון געטאָ מיט אַ גרופּע אַרבעטערינס צו קערן די גאַסן. אונדזער זון האָבן מיר אַריבערגעפירט ביינאַכט, אין דער פינצטער, אונטערן פּלויט פון געטאָ. על־פּי־נס איז ער נישט דערשאָסן געוואָרן. יעדע נאַכט פלעג איך מיך אומקערן אין געטאָ צו מיין מאַן.

## דער אומקום פון מיין מאַן

אויף דעם „יודנראַט" איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ קאָנטריבוציע — אַ שטראָף פאַרן נישט צושטעלן די געהעריקע אַרבעטער, וואָס די דייטשן האָבן געפאָדערט. די קאָנטריבוציע איז געווען אַן אומגעהויערע הויכע און דער פאַרצווייפלטער יידישער עולם האָט געגעבן די לעצטע פּרוטה.

# מיין מאַמע און מיין ברודער משה'לה

אין אונדזער קליין שטיבל אויפן באַרג האָבן געוווינט, בעת ס'איז דאָרט באַשטימט געוואָרן דער געטאָ, בערך פערציק מענטשן. די ערשטע זענען געקומען קרובים און באַקאַנטע פון אַנדערע שטאָט־טיילן, וואָס מ'האָט געיאָגט אין געטאָ אַריין. ס'איז געווען זייער ענג. מיר האָבן אָפּגעטרעטן די צימערן פאַר די פריש־אָנגעקומענע.

די פערעספער יידן זענען אויך געבראַכט געוואָרן אין געטאָ אַריין. סענדער פערעספער איז געקומען צו אונדז און פאַר אַ לעבל ברויט אַ וואָך האָט אים די מאַמע אָפּגעטרעטן דאָס צימער און מיר זענען געשלאָפן אויף דער ערד, ביים אַריינגאַנג. אַ ברויט אַ וואָך! ווער קען זיך פאָרשטעלן וואָס דאָס הייסט ביי די באַדינגונגען פונעם געטאָ. אָבער ניט לאַנג האָט סענדער געצאָלט דאָס „דירה־געלט", ווייל ווי האָט ער געקענט נעמען ברויט, אַז ער האָט פאַר זיך אַליין ניט געהאַט.

מיין אָרעמע מאַמע האָט געזוכט, מיט אַלע כוחות, פאַרשידענע וועגן ווי אַזוי דורכצושלעפּן די שלעכטע צייט און ראַטעווען אירע קינדער. זי האָט געגלויבט, אַז אויב מ'וועט ניט שטאַרבן פון הונגער וועט מען איבערלעבן די שווערע צייטן — ווייל וואָס וועט מען איר טאָן, אַ בידנע אָרעמע אלמנה מיט קליינע קינדער?

איך געדענק, ווען די סאָוויעטן זענען אָפּגעטרעטן איז אַריין צו אונדז אין שטוב אַ רוסישער לייטענאַנט און געזאָגט:

„מאַמאַטשקע, קומט מיט אונדז, ביים דייטש וועט אייך זיין שלעכט."

האָט די מאַמע געזאָגט:

„וואָס וועלן זיי מיר שוין טאָן, אַן אָרעמע אלמנה. איך טשעפּע קיינעם ניט און אַרבעט שווער צו דערנערן מיינע קינדער".

זי האָט זיך, נעבעך, ניט פאַרגעשטעלט — און ווער האָט זיך עס יאָ געקענט פאָרשטעלן — די ליידן און יסורים, וואָס זי האָט איבערגעטראָגן ביז זי איז געגאַנגען מיט אַלע ראַזשישטשער יידן לעצטן וועג, טראַגנדיק אויף די הענט איר קראַנק מוזינקל משהלע. מיין ברודער משהלע איז דאַן אַלט געווען עלף יאָר.

איין טאָג האָט ער זיך צוגעגנבעט צו יאַסקע וואַלדס סאַד, ווי אַ מאַלינע האָט אַרויסגעקוקט פון דער אַנדערער זייט פּלויט. דאָס איז שוין געווען אויפן גרענעץ פון געטאָ. האָט אים אַן אוקראַינישער פּאָליציאַנט נאָכגעיאָגט און משהלע איז געפאַלן און פאַרווונדעט די קני. אין געטאָ איז ניט געווען קיין רפואות און מעדיצינישע הילף, האָט מען געמאַכט קאָמפּרעסן פון נאַפט. אָבער משהלע איז געוואָרן שטאַרק קראַנק, געקריגן היץ און געגוססט.



ווען איך בין געקומען פון דאָרף דאַראַסין, ווי איך האָב געאַרבעטביים טאָרף און געבראַכט אַ שטיקל ברויט, האָט ער שוין ניט געקענט עסן.

די מאַמע איז געווען פאַרצווייפלט פון זיין מצב און פון די ידיעות, אַז דער סוף איז נאָענט. זי האָט מיר אָנגעזאָגט:

גיטעלע, איר זאָלט זיך ראַטעווען, דו און דוד, כאָטש איינער פון אייך ביידע. טאָמער וועסטו זען, אַז צוליב דיר וועט זיין שווער דודן זיך צו ראַטעווען, זאָלסטו אַוועק פון אים.

איך בין אַוועק צוריק צו דער אַרבעט אין דאַראַסין און מער ניט געזען מיין מאַמען און ברודער.

נאָך דער מלחמה בין איך געקומען קיין ראָזשישטש. אויפן פּלאַץ פון אונדזער שטוב האָט געוואַקסן קאָרן. בלויז דריי ווײַנשל־בוימעלעך, וואָס איך און משהלע האָבן פאַרפלאַנצט, זענען געבליבן. דער שכן וואַסקע פאַגעל (אַ גוי) האָט מיר דערציילט, אז די מאַמע איז געגאַנגען איר לעצטן וועג טראָגנדיק משהלע אויף די הענט.

**גיטעלע טענענבוים־ווילנסקי**

צווישנצייט האָט מען די מיטגלידער פון „יודנראַט" אַוועקגעפירט אַלס ערובניקעס אין תפיסה, ביז די געפאָדערטע סומע וועט צונויפגעקליבן ווערן. צווישן די אַרעסטירטע האָב איך געזעען די מיטגלידער פון „יודנראַט" ספעקטאָר, קלימבאָרד און קלייזמאַן. דעם לעצטן אין דער ריי האָב איך געזעען גיין מיין מאַן. ער איז נישט געווען קיין מיטגליד פון „יודנראַט". ער האָט בלויז דאָרט געאַרבעט צופעליק איייניקע טעג אויף דער שרייב־מאַשין און איז אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט זיי.

די נאַציס האָבן פון צייט־צו־צייט געהעכערט די סומע פון דער קאָנטריבוציע; זיי האָבן אויך געפאָדערט לעדער צו שיך און אַ גרויסע סומע אין גאָלד. איך בין אַוועק צום קרייז־קאָמענדאַטיר און געזוכט פאָרסטן, מיט דער האָפנונג אַז ס'וועט מיר געלונגען באַפרייען מיין מאַן, אַבער איך האָב פאָרסטן דאָרט נישט געפונען. איך בין אַוועק צום נייעם „יודנראַט". דאָרט האָט מען מיר געזאָגט, אַז זיי באַמיען זיך באַפרייען אַלע אַרעסטירטע, נישט נאָר מיין מאַן.

ס'איז מיר אַפילו געלונגען אַריינצוגיין אין קעלער פון דער תפיסה און שמועסן מיט מיין מאַן. ס'זענען אַדורך שווערע פיינלעכע טעג. די שפּאַנונג איז געווען גרויס. ענדלעך איז צונויפגעקליבן געוורן די סומע געלט און דאָס גאָלד. אין די דערפער פון דער סביבה איז געלונגען צונויפקלייבן די נויטיקע צאָל פעל. דאָס איז געווען דעם 10־טן אויגוסט 1942.

אין דער פּאָליציי האָט מען מיר געזאָגט, אַז מיין מאַן וועט באַפרייט ווערן צוזאַמען מיט די איבעריקע ערובניקעס. אָבער צו מיין גרויס ווייטיק און צער האָבן מיר זיך דער־וווסט, אַז אַלע זענען דערשאָסן געוואָרן אויסער דער שטאָט.

"דו האָסט שוין מער נישט קיין פאָטער" — האָב איך געזאָגט מיין קינד. ער האָט נישט געוויינט. ער האָט בלויז געזאָגט:

"מיר זענען בלויז ביידע געבליבן אויף דער וועלט — דו און איך, איך און דו".

מיין זונעלע, אַ קינד פון זעקס און אַ האַלב יאָר, איז אַרויפגעפאַלן אויף מיין האַלדז...

צומאָרגנס איז געקומען אין אַפּטייק אַ דייטש און מיר געבעטן כ'זאָל אים געבן אַ רפואה פאַר דעם קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי. גלייכצייטיק האָט ער דערציילט, אַז דער קאָמענדאַנט האָט אַרויסגעריסן די גאָלדענע ציין פון די דערמאָרדעטע יידן, און בעת דעם רייסן די אויבערשטע ציין ביי איינעם פון די טויטע, איז ער פאַרוווּנדעט געוואָרן.

דאָס פלעשל מיט די רפואה איז אַרויסגעפאַלן פון מיינע הענט, הערנדיק די גרויליקע רייד פון דעם פּאָליציאַנט. ס'איז ביי מיר נישט געווען קיין ספק, אַז דאָס איז געווען מיין מאַן: ביי אים איז געווען אַ קאָמפּלעט גאָלדענע ציין ביי דער אויבערשטער יאַסלע.

## די ביטערע נאַכט

20־סטער אויגוסט צוויי ביינאַכט. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון גערויש פון שווערע טריט. איך בין צוגעגאַנגען צום פענצטער און געזען אַ לאַנגע שורה פון שאָטנס באַוועגן זיך אין גאַס. אין דער פינצטער האָב איך נישט געקענט דערקענען צי דאָס זענען סאָלדאַטן, אָדער ציווילע מענטשן. די „פּראָצעסיע" האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע צייט, און ווען ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן האָב איך געזען די יידן פון געטאָ גיין אין די רייען מיט זייערע קינדער. אין די הענט האָבן זיי געהאַלטן גראָב־אייזנס און קליינע פּעקעלעך. זיי זענען געגאַנגען שטיל — אַזוי איז געווען דער באַפעל.

דאָס דאָזיקע בילד האָט פאַרגליווערט מיין בלוט. 5.30 פאַרטאָג האָט זיך געענדיקט די „פּראָצעסיע". אַ שעה שפּעטער איז צו מיינע אויערן דערגאַנגען אַ קלאַנג פון שיסערייען פון מאַשין־געווער.

11 אַזייגער אינדערפרי האָב איך געזען 8—10 לאַסט־אויטאָס אָנגעלאָדענע מיט זאַכן און שיך פאָרן אין דער ריכטונג פון געטאָ...

ווען דער שטאַבס־לייטער איז געקומען דעם זעלבן טאָג אין אַפּטייק, האָט ער מיך געפרעגט, פאַרוואָס בין איך נישט אין געטאָ מיט מיין משפחה? איך האָב אים גע־ענטפערט, אַז איך בין נישט קיין יידישע, טראָץ וואָס איך בין געווען פאַרהייראַטעט

פאַר אַ ייד. איך ווייס נישט פון וואַנען ס׳האָט זיך צו מיר גענומען כוח צו געבן אים אַזאַ ענטפער מיט אַזאַ זיכערקייט.

מיין מוטער און זון זענען אין דעם מאָמענט געווען באַהאַלטן אין קעלער פון דער אַפטייק. פון צייט־צו־צייט פלעג איך זיי ברענגען ברויט מיט טיי. זיי זענען די גאַנצע צייט געזיצן אין דער פינצטער אָן מעגלעכקייט זיך צו באַוועגן.

צומאָרגנס איז געקומען אַ דייטש און מיך גענומען אויף אַ פור קיין לוצק, כדי איינקויפן די נויטיקע רפואות אין אַפטייק. ווען מיר זענען אָפּגעפאָרן איייניקע קילאָמעטער פון דער שטאָט האָב איך געזעען ביי דער זייט פון וועג אַ גרויס לאַנג בערגל באַדעקט מיט פרישע ערד. איך האָב געהערט זיפצן און קרעכצן פון מענטשן. די ערד האָט זיך געהויבן...

דער דייטש וואָס איז מיט מיר געפאָרן האָט געזאָגט:

„דאָ האָט מען ליקווידירט די יידן פון געטאָ. זיי קרעכצן נאָך און זיפצן. זיי הויבן זיך פון זייער קבר...״

ס׳זענען אַדורך טעג פון שרעק. מען האָט מיך שווער געפּאָרשט וועגן מיין זון. איך האָב געטענהט, אַז ער איז נישט קיין ייד, ווייל זיין אמתער פאָטער איז געווען אַ קריסט.

אַזוי האָבן מיר זיך ווי ס׳איז געהאַלטן 4 חדשים נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ. די גאַנצע צייט האָט זיך מיין מוטער געפונען אין באַהעלטעניש אין קעלער.

דעם 22־סטן דעצעמבער איז אין געהיים צו מיר געקומען פאָרסט און געזאָגט:

„איך האָב דיר צוגעזאָגט אָפּדאַנקען פאַר דעם וואָס דו האָסט מיך געראַטעוועט פון טויט. איצט איז געקומען די צייט. דעם 26־סטן דעצעמבער וועט מען הרגענען דיין זון. ראַטעווע זיך, אַנטלויף פון דאַנען!״

ער האָט אונדז צוגעגרייט אַ פור און דעם 24־סטן דעצעמבער פאַרטאָג האָבן מיר פאַרלאָזט ראָזשישטש אומבאַמערקט.

מיר זענען אַוועק אין אַ לאַנגן נייעם וועג פון יסורים.



יוסף קלימבאָרד און בנימין אייזנבערג שטייען, צווישן אַנדערע, אויפן ברידער־קבר אויפן וועג קיין קאָפּאטשיווקע.